# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פ' ראה
תשפ"א לפ"ק
גליון קפ"א

## פראגע

### וואס קען א איד טון נישט צו ווערן בעצבות פון די אנגייענדע געשעענישן?

## ענטפער:

עס ווענד זיך פון וואספארא געשעענישן איר רעדט, אבער אין אלגעמיין איז דער כלל אז **ליינען צייטונגען איז ווי טרונקען סם**. די צייטונגען ווערן געשריבן דורך יונגעלײַט, אומוויסנדע מענטשן מיט א גרויסן יצר הרע און זיי זענען אלע תינוקות שנשבו. זיי אלע האבן א שטארקע מיינונג קעגן מצוות ומעשים טובים, דערפאר ווערט יעדער וואס ליינט צייטונגען פאר׳סמ׳ט.

"ולא תביא תועבה אל ביתך" (דברים, ז, כו) – ברענג עס אפילו נישט אריין אינדערהיים. די צייטונגען וואס קומען אריין אין הויז זענען פויזן פאר די הויז. אויב איר ווילט וויסן די געשעענישן קענט איר עס קוקן אויף די צייטונג-שטענדערס אויפ׳ן גאס; ליינט די קעפלעך יוצא צו זיין. דאס אלעס. גיבט נישט אויס אפילו קיין ניקל צו קויפן צייטונגען. בטל׳ט נישט קיין צייט דערמיט. (E-250#)

## פראגע

### איז וויכטיג פאר אן ערליכן איד זיך אליינס ליב צו האבן?

## ענטפער:

אהה, מיין באליבטע נושא! "ואהבת לרעך **כמוך**" (ויקרא, יט, יח) – זאלסט ליב האבן דיין חבר **ווי דיך אליינס**. פון דעם זעען מיר אז דער דוגמא איז דער מענטש אליינס. אודאי דארף מען זיך ליב האבן. "חייך וחיי חברך, חייך קודמין" (בבא מציעא, סב, א) – דו קומסט פארדעם, די אייגענע לעבן איז קודם.

נעם גוט קער פון דיין אייגענע געזונט. מאך זיכער זיך אליינס צו געבן די בעסטע תורה׳דיגע חינוך וואס איז נאר מעגליך. אודאי דארף מען מחנך זיין די קינדער צו גוטע מדות, אבער דו אליינס קומסט ערשט. "הוא ללמוד ובנו ללמוד, הוא קודם" (קידושין כט, ב) – אויב ס׳איז א פראגע ווער עס זאל לערנען, איך אדער מיין קינד? איך קום ערשט.

איך האב א טעיפ מיט׳ן נאמען "מיין באליבסטער קינד". טרעפט צו ווער ס׳איז. ווער איז מיין באליבסטער קינד? איך אליינס! אזוי ווי א מענטש האט אמאל געזאגט ווען מ׳האט אים געפרעגט נאך ווען ער זאגט קדיש... ער האט געזאגט אז ער האט נישט קיין קינדער צו זאגן קדיש נאך אים, במילא זאגט ער קדיש נאך זיך אליינס. און דעריבער איז די בעסטע נחת, צו זען נחת פון זיך אליינס. אודאי אויב איר האט גוטע קינדער וואס לערנען תורה און טוען מצוות איז עס נחת. אבער אין צוגאב צו דעם איז דא נאך בעסערע נחת – האב נחת פון זיך אליינס.

ווענן דעם איז אזוי גוט ווען א מענטש גיבט צדקה ווען ער לעבט נאך. ווען מען לאזט איבער צדקה אויף נאך די פטירה איז עס אזוי ווי געבן קופער; קופער איז אויך גוט. אבער ווען מען גיבט עס ביים לעבן איז עס אזוי ווי גאלד, ווייל ס׳איז די אייגענע געלט. נאך א מענטש׳נס פטירה איז עס שוין נישט זיין געלט. די קינדער פאלגן אויס זיין וואונטש און געבן אוועק די געלט אבער ס׳איז נישט זיין געלט. אבער ווען מען איז נאך ביים לעבן איז עס די אייגענע געלט. וועגן דעם זאלט איר ארייכנכאפן אלע מצוות וואס איר קענט ווען איר זענט נאך ביים לעבן. "כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה" (קהלת ט, י) – אלעס וואס איר קענט נאר טון – זאגט שלמה המלך – טוט עס יעצט! ווארט נישט, לייג עס נישט אפ.

און דערפאר, בנוגע די שאלה צי מען דארף זיך אליינס ליב האבן? דארפט איר וויסן אז השי"ת האט ליב די וועלכע האבן זיך אליינס ליב. אבער מען דארף וויסן וויאזוי זיך ליב צו האבן אין די ריכטיגע וועג.

אויב א מענטש זעצט זיך אראפ צו א גרויסע סעודה, לאמיר זאגן, און ער נאשט קוכן מיט אייז-קריעם דערויף, ער האט זיך נישט ליב, ער האט זיך פיינט, ווייל ער לייגט חרוב זיין געזונט. דאס דארף ער טון צו זיין שונא. א מענטש וואס האט זיך ליב נאשט נישט, ער עסט נישט וואס איז קרעפטיג. ער גייט שלאפן אין צייט, ער בלייבט נישט אויף ביז שפעט. ער האט זיך ליב! ער מאכט זיכער נישט צו זיצן אגאנצן טאג. ער מאכט איבונגען, ער גייט אביסל שפאצירן אין גאס. ווען דער אויבערשטער זעט אז דער מענטש האט זיך ליב און וויל גיין אין די וועגן פון א געזונטע לעבן, "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו" (מכות, י, ב). דער אויבערשטער וועט אים געבן הצלחה זיך צו האלטן געזונט.

פון די אנדערע זייט, אויב א מענטש איז פארנומען זיך אפצוטרעדן, זיין טרויעריג, און זוכן סיבות צו זיין אומפרייליך, זאגט דער אויבערשטער "דו פרובירט צו זיין טרויעריג? איך וועל דיר צוהעלפן!" און ער איז טאקע מצליח צו זיין טרויעריג. דאס איז א כלל גדול. "מי האיש החפץ חיים" (תהלים לד, יג) – איר ווילט לעבן לאנג, איר האט ליב טעג? זאגט דער אויבערשטער – איך וועל דיר צוהעלפן. אודאי דארף דער מענטש טון אלעס אין א ריכטיגע מאס, אבער ווען מען טוט עס ריכטיג האט דיר דער אויבערשטער ליב.

## פראגע

## וויאזוי זאל זיך א בחור צוגרייטן צו זיין חתונה?

## ענטפער:

די שאלה פארלאנגט א גאנצע בוך!

אבער אין קורצן, עס צו מאכן פשוט; וואס זאל א בחור אדער כלה האבן אין די מחשבה?

איין פרט איז אז איר האט חתונה פאר'ן צוועק פון **טון דעם רצון השם**. וועגן דעם זאל נישט זיין די שאלה וויפיל איר קענט **ארויסבאקומען** פון זיין חתונה געהאט, נאר וויפיל איר קענט **אריינלייגן** אין די חתונה-געהאטע לעבן. דאס איז וואס איז וויכטיג.

און אפילו איר האט א מאן אדער ווייב וואס שטעלט זיך ארויס צו זיין אן אנטוישונג – וואס געווענליך איז עס אזוי... – פון דעסט וועגן זאלט איר ווייטער טון אייער פליכט, ווייל איר דינט נישט צו אים איר דינט השי"ת, איר דינט נישט צו איר, איר דינט השי"ת. דאס איז נומער איינס. און דאס איז אזוי וויכטיג אז וועגן דעם ווייסן מיר אז ווען דער חתן און כלה שטייען אונטער די חופה, געפונט זיך דארט דער אויבערשטער מיט זיי! ער איז דער דריטער אונטער די חופה.

זיך צוגרייטן צו חתונה האבן מיינט צו וויסן אז מען האט נישט חתונה פאר "פאַן", מען האט נישט חתונה בלויז פאר די וואונטורע דערפון. ערווארט נישט גארנישט מער פון וויפיל דו אליינס וועסט משקיע זיין! און דאס איז דיין עבודת השם. ווי מער דו גיבסט זיך איבער צו טון דיין אויפגאבע ריכטיג, דאס איז דיין הצלחה אין לעבן.

דאס איז נומער איינס. איך מאך עס זייער קורץ, די זאכן דארף מען באמת סך מער פארברייטערן.

די צווייטע זאך איז: איר מוזט עס מאכן פאר א יסוד אז דאס גייט זיין אייער גרויסע נסיון אין לעבן; זיך **דורכצוקומען** מיט אייער זיווג. ווייל איר גייט האבן שייכות מיט אייער בן זוג מער ווי מיט אנדערע מענטשן, און במילא איז עס פונקט ווי טרעפן טויזנט אנדערע אידן. אויב איר קומט אין באריהרונג מיט טויזנט אידן א טאג און מיט 900 פון זיי קומט איר זיך דורך, זענט איר א סוקסעס. אויב איר קומט זיך דורך מיט 999, זענט איר נאך א גרעסערע סוקסעס. די באריהרונגען מיט אייער מאן אדער ווייב וועט זיין פיל מער; אויב מען לעבט צוזאמען 50 יאר, זענען דא הונדערטער טויזנטער באגעגענישן – און אויב קענט איר מאכן רוב דערפון מיט הצלחה, דאן זענט איר א מוצלח!

אלזא, מיר האבן דא גערעדט פון צוויי פרטים. 1) מיט'ן חתונה האבן טוט איר עבודת השם און איר דארפט טון די בעסטע וואס איר קענט צו ערפילן דעם רצון השם. און 2) זיך צו לערנען וויאזוי דורכצוקומען מיט א צווייטן אויפ'ן בעסטן אופן און דאס איז דער נסיון פון אייער הצלחה אין לעבן.

יעצט דאס איז געווען זייער קורץ אבער ס'איז וויכטיג. אויב עס וואלט געווען מער צייט וואלט עס געדארפט ערקלערט ווערן מער באריכות. (908)

## פראגע

## וויאזוי קען איך אויפווייזן שנעל און אויספירליך פאר אן אפיקורוס אז עס איז דא א באשעפער?

## ענטפער:

דאס איז א גרינגע שאלה צו ענטפערן. ווייז אים אן אראנדזש, און דאס איז אלעס וואס דו דארפסט.

פארוואס איז די אראנדזש אזוי הערליך קאלירט פון אינדרויסן, אבער אויף די אינעווייניגסטע זייט פון די שאלעכטס איז בכלל נישט דא קיין קאליר? און פארוואס טרעפט מען די זעלבע זאך ביי פילע אנדערע ציטרוס פרוכטן, אז די קאליר איז בלויז פון אינדרויסן אבער נישט אינעווייניג? וואס וועסטו זאגן? עוואלוציע?! דאס איז א באדייטלאזע ווארט. מיר רעדן דאך דא וועגן פלאנירונג און צילוועדיגקייט. עס איז דא א מטרה אין די קאליר פונעם אראנדזש.

קאליר מאכט די פרוכט ארויסשטארנד צווישן די בלעטער. קאליר דערציילט דיר אז די פרוכט איז שוין רייף. און קאליר זאגט, קום עס מיר. דער פאקט אז די קאליר איז נישט סתם פארפאטשקעט געווארן, און עס איז בלויז אינדרויסן ווי עס פעלט אויס צו כאפן דאס אויג, איבערציייגט אומצווייפלהאפטיג אז די אראנדזש איז געמאכט געווארן מיט א קלארן פלאן!

איינמאל דאס איז איבערצייגט פעלט מער גארנישט אויס צו זאגן, ווייל פלאנירונג געשעט נישט פון זיך אליינס.

עס איז נישט דא קיין פראפעסער אין קיין שום אוניווערסיטעט וואס קען אפווענדן די ראיה.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב